# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת וארא, כ"ח טבת תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון י"ז


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................................4:45
מוצאי שבת קודש...............................6:16

## א מעשה פון תפלה

### אברהם משה שטראסער

איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין זוהן שרגי נ"י זאל זוכה זיין חתונה צו האבן יונגערהייט אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און טרעפן א גוטע שידוך א תלמידה פון די ראש ישיבה און וואס די גאנצע לופט און שטוב זאל זיין די הייליגע רבי, מוהרא"ש, און דער ראש ישיבה שליט"א, און ב"ה דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז דעם פארגאנגענע דינסטאג נאכט איז ער א חתן געווארן בשעה טובה מצלחת מיט די טאכטער פון ר' נחמןניישטיין נ"י וואס איז א תלמידה פון בית פיגא ברסלב סקול [אגב; ווען איך האב אריינגעשיקט מיינע קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב איז איינע פון די זאכן וואס מען האט פרובירט מיך אפרעדן פון דעם איז געווען "וויאזוי וועסטו טרעפן שידוכים פאר דיינע קינדער? ברוך השם אז דייקא דאס אריינשיקן מיינע קינדער אין ברסלב האט מיר געברענגט אזא וואוילע שידוך וואס איך וואלט אין מיין לעבן נישט באקומען].

### אברהם הערש וועבערמאן / הילל ווייס

שבת נאכמיטאג איז די וואסער פון די הויז פאפרוירן געווארן, במילא איז נישט געווען קיין וואסער אין סינק - אין טוילעט, אונז האבן געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך צוריק אויפלאזן און מען זאל צוריק האבן וואסער, מוצאי שבת איז מען געגאנגען ברענגען א היטער צו לייגן ביי די פייפס עס זאל זיך אויפלאזן, און מען האט ווייטער מתפלל געווען עס זאל זיך אויפלאזן און עס זאל נישט פלאצן די פייפס, און שכח אייבערשטער אז ממש גלייך נאכדעם האט זיך די וואסער אויפגעלאזט און עס האט נישט געקראכט קיין פייפס.

### יעקב משה אינדארסקי

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פארגאגענעם שבת אז איך זאל אויפשטיין גענוג פרי כדי צו קענען גיין באגלייטן די ראש ישיבה, בפרט יעצט וואס איך וואוין שוין אביסל ווייטער פון ווי די ראש ישיבה שטייט איין, און ברוך השם איך האב מיך אויפגעוועקט צייטליך.

## נקודה

זיי פרייליך און מאך פרייליך דיין ווייב. געדענק אז פאר נישט צו לאנג צוריק ביסטו געווען איינער אליין, ביסט געווען א בחור במקלו ובתרמילו, ועתה הרחיב ה' לך, האסט א ווייב מיט קינדער; מאך זיי פרייליך, טאנץ מיט זיי שבת ביי די סעודה.

(עצתו אמונה פרשת תולדות תשע"ח)

## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענע שבת פרשת שמות האבן מיר געהאט די זכיה צו האבן צוגאסט די חשובע ראש ישיבה שליט"א. גלייך ווען די ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען האט ער געשריבן א מעסעדזש פאר די אינגעלייט אז ער איז מורא'דיג פריילין צו זיין דא אין שטעטל פאר שבת. ביים זמן איז שוין די עולם זיך צאמגעקומען אפצוארטן דעם חשובן גאסט אין בית המדרש, צוזאמען האט מען געדאווענט א געשמאקן דאווענען. קבלת שבת איז צוגעגאנגען צום עמוד ר' מרדכי היימליך נ"י, נאכ'ן דאווענען האט די ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די דף גמרא [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

שבת צופרי פאר'ן דאווענען איז פארגעקומען זייער א שיינע שיעור אין ספר פעולת הצדיק [פולע דרשה אויף עמוד ב']. צו שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד ר' אברהם צבי וועבערמאן נ"י, נאך שחרית איז פארגעקומען די קידוש ווי מען האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

פאר שלש סעודות האט די מגיד שיעור הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא. אפילו עס איז געפאלן א גרויסע שניי שבת נאכמיטאג, איז מען געקומען צו קריכן פון אלע עקן פונעם שטעטל צו לערנען די דף גמרא. שלש סעודות איז פאראיבער גאר דערהויבן מיט גאר א שיינע שלש סעודות תורה [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

מוצאי שבת נאך אבות ובנים האט די ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא, נאכ'ן שיעור איז געווען א שטיקל שיעור התחזקות [פולע דרשה אויף עמוד ב']. מוצאי שבת איז פארגעקומען א שיעור הדרכה פאר די פרישע שנה ראשונה אינגעלייט זיי צו מדריך זיין וויאזוי זיך צו פירן אין שטוב מיט שלום און ליבשאפט.

נאך א דערהויבענע שבת פון וואס די ראש ישיבה שליט"א האט זייער הנאה געהאט און געשעפט נחת, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט שפעטער "איך האב זייער שטארק הנאה געהאט צו זיין מיט ענק אין שטעטל אויף שבת, איך וועל אי"ה קומען גאר בקרוב נאכאמאל צו ענק" האט ער זיך ארויסגעלאזט צוריק אהיים אין די שפעטע נאכט שעות.

**הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו שבת ומנוחה.**

## סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן ווילן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
אונזער חשובע חבר

**הר"ר אברהם משה שטראסער נ"י וזוגתו תחי'**

צום שידוך שליסן פון זייער חשובע זוהן

**החתן שרגא נ"י**

אין זכות פון העלפן פאר'ן וואוילזיין פון די שטעטל בכל פרט ופרט זאל די אייבערשטער העלפן ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת, און עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד.

# שבת וארא מיט די
# ראש ישיבה שליט"א

**דף גמרא שיעור ברכות דף י"ד: א.** די ערשטע זאך לויף דאווענען, טוה נישט גארנישט פאר'ן דאווענען. די הייליגע סאטמאר רבי זי"ע האט געגעבן בודק זיין די תפלין פאר ר' אהרן פאלאק זי"ע האט ער אים געזאגט ער זאל עס האבן גרייט פאר אכט אזייגער צופרי ווייל דעמאלטס דאווענט ער, האט ער געפרעגט דעם רבין, רבי איך זעה איר דאווענט דאך אסאך שפעטער? האט ער אים געזאגט: איך דאווען אכט אזייגער - נאר איך ווער פארנומען מיט מענטשן וואס האבן וויכטיגע שאלות צו פרעגן. **ב.** עס איז דא מענטשן וואס קיקן אן ווי כאילו א צדיק - א רבי ארבעט נישט און זיצט אויף די הכנסה פון די עולם, אבער עס איז אינגאנצן נישט אזוי, ווייל א צדיק'ס ארבעט איז נאך די שווערסטע ארבעט, אסאך שווערער ווי די ארבעט וואס מענטשן האבן. **ג.** א גבור איז איינער וואס אפילו עס גייט איבער אויף אים ווי למשל ער קען נישט צאלן די גראסערי וכדומה, דאך דערהאלט ער זיך און האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן. **ד.** נאכ'ן שיעור האט די ראש ישיבה געזאגט אז די באטע איז נאר פאר ווער עס קען קומען, אבער נישט אויף דעם באשטייט אונזער חסידות.

**באטע: א.** איינער האט געשריבן א בריוו פאר די ראש ישיבה אז אלע שאלות וואס ער האט במשך די וואך טרעפט ער אין די וועכענטליכע עצתו אמונה. **ב.** איינער האט זיך אנגערופן אז ער האט געזעהן א אדווערטייזמענט וואס ליינט זיך אזוי **"איר קענט אויך לערנען א דף גמרא אין בלויז 15 מינוט"** האט די ראש ישיבה געזאגט אז ער האט גערופן די נאמבער און די מגיד שיעור לערנט עס פאר מיט מפרשים און טיפע פשטים, מען דארף מפרסם זיין די ברסלב האט ליין נאמבער ווי דארט קען מען טאקע הערן פארגעלערנט אין 15 מינוט די דף גמרא אן אלע מפרשים מיט טיפע פשטים. **ג.** א טאטע פון א א בחור אין ישיבה קומט צו מיר ארויף און ער קלאגט: "וואס וועט זיין מיט מיין בחור"? "ווען וועט ער זיין ווי זיין ברודער"? זאגט אים די ראש ישיבה: דו האסט א טייערע בחור - דו דארפסט נאר קוקן גוט אויף אים און אוודאי הערט ער נאר אויס וואס די ראש ישיבה זאגט אים און נישט וואס דו זאגסט אים, ווייל דו קיקסט שלעכט אויף אים. **ד.** מען קען נישט ביי די 13 יאר אנהייבן מחנך זיין די קינדער מען דארף פון קינדווייז אן מחנך זיין, ווי למשל אז א אינגל שפילט זיך נישט מיט קיין מיידל, אדער ווי למשל צו אויסלערנען די קינדער פון קינדווייז אן אז מען טאר נישט צורירן ביים אות ברית קודש, וואס דאס דארף מען אויסלערנען פון ווען מען איז קליין, און נישט זאגן פאר'ן קינד "ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פארשטיין".

**פעולת הצדיק: א.** אז מען האט א לאנגע וועג צו קומען אין שול רעדט מען צום אייבערשטן אויפ'ן וועג, אויב גייט מען מיט א חבר רעדט מען שיחות חברים. **ב.** די הייליגע רבי נתן האט געוואלט ארויס גיין שרייען אין די גאסן "געוואלד עס איז דא א רבי וואס קען יעדן העלפן", און די הייליגע רבי האט זיך אנגערופן צו אים און געזאגט "האלט וועסט במילא נישט פויעלן". **ג.** ווען מען גייט הפצה טאר מען נישט ווערן צוברואכן אז איינער צוקנייטשט/צורייסט א קונטרס אדער א גליון, און אוודאי נישט טענה'ן מיט יענעם, די בעסטע זאך איז אז מען אנטלויפט פון דארט ווי שנעלער, שטעל דיך פאר עס ארבעט נישט די בוילער'ס ביי די הייזער דא אין שטעטל און עס איז דא איינער וואס קען פאררעכטן בוילערס און ער קומט אן צו איינעם און יענער הייבט אן פרעגן קשיות "דו קענסט באמת פאררעכטן בוילערס? עס פאסט דיר צו טוהן אזא ארבעט? דא וואלט יעדער פארשטאנען אז עס איז א שאד יעדע ווארט וואס מען ענטפערט יענעם ווייל אין די זעלבע צייט קען איך אנצינדן פאר נאך מענטשן, די זעלבע איז בשעת מען גייט הפצה איז נישט דא קיין צייט זיך צו טענה'ן.

**סיפורי מעשיות: א.** פארגעלערנט די ניינטע מעשה פון חכם ותם, ער האט אלץ גערעדט שיין מיט זיין ווייב אבער נישט ווען זי האט גערעדט אנטקעגן די אמונה, די חכם האט געזאגט פאר'ן שליח המלך ווארט דא און מארגן וועלן מיר זעהן און איך וועל דיר אויפווייזן אז עס איז נישט דא קיין מלך, די שליח וואלט זיך נישט געדארפט טענה'ן מיט אים נאר גלייך זיך אפשאקלען פון אים. **ב.** יעדן דארף מען מחזק זיין אבער נישט אזא איינעם וואס גייט אנטקעגן די אמונה און גייט צום גלח זיך שמד'ן. **ג.** אכטונג געבן פון לצים וואס מאכן ליצנות פון א ערליכער איד, און פון א פלאץ ווי דו האסט חיות.

**שלש סעודות: א.** איך האב באקומען א בריוו פון א אינגל דא אין חדר וואס זאגט אז זיין רבי האט אויסגעלערנט אז מען לערנט זיך אויס פון די שניי אז עס שנייט איין ברעקעלע און נאך א ברעקעלע און פון דעם ווערט אפאר פוס שניי, די זעלבע איז ווען מען טוט מצות עס זאמעלט זיך אן אסאך מצות ביז מען ווערט א גרויסע צדיק דורך דעם. **ב.** לערנען א דף גמרא איז אזוי ווי איינער וואס האט זיך פארשמירט און ער ווישט זיך אפ און ער ניצט איין פאפיר ער זעהט עס איז נישט גענוג ניצט ער נאך איינס ביז ער ווערט אינגאנצן ריין, די זעלבע איז מיט די דפים גמרא דאס רייניגט אפ דעם מענטש פון אלע שלעכטס.

**דף גמרא שיעור ברכות דף ט"ז: א.** זעהן צו קומען צום דף גמרא שיעור ביינאכט אדער צופרי. **ב.** א גוטע וואך איז אז מען לערנט א דף גמרא, אז דו קומסט נישט אן צום שיעור זאג די ווערטער פון די גמרא, עס איז דא מענטשן וואס לערנען נישט ווייל עס איז אזעלכע הויכע ווערטער, אזוי ווי איינער זאל זיך יעצט לערנען דאקטעריי און ער קען נישט ווייל עס איז זייער שווערע הויכע ווערטער, אבער זאגן קען מען דאך אייביג. **ג.** די וויכטיגסטע תפילה איז עס זאל זיין שלום צווישן אנשי שלומינו, אויב עס וועט זיין שלום קען מען זיך נישט פארשטעלן צו וואס די רבי וועט אונז צוברענגען, אז מען וועט זיך ליב האבן דא אין שטעטל וועלן אלע גוים פארקויפן זייער הייזער פאר אונז, און אויב נישט וועלן אונז דארפן פארקויפן די הייזער פאר זיי ח"ו, ב"ה מען האט זיך ליב דא און עס איז זייער א שיינע שטעטל ברוך השם.

iSecure
For all your low voltage technology needs.
Motty Heimlich
Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM